**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/29/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול מעלדט פארוואנדלונג פון היסטארישע שולע אין סקענעקטעדי אלס עפארדעבל סיניאר האוזינג

### *23 מיליאן דאלאר עלמער גארדענס שטעלט צו 51 מאדערנע, פולקאם-עלעקטרישע דירות מיט שטיצע סערוויסעס*

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז די שוין לאנג ליידיגע עלמער עוועניו עלעמענטרי שולע (Elmer Avenue Elementary School) אין סקענעקטעדי'ס איסטערן עוועניו געגנט איז פארוואנדלט געווארן צו א 23 מיליאן דאלאר, 51-יוניטי עפארדעבל און שטיצנדע האוזינג קאמיוניטי. עלמער גארדענס שטעלט צו מאדערנע פולקאם-עלעקטרישע דירות פאר איינוואוינער אין עלטער פון 55 און ארויף, אריינגערעכנט די וואס מוטשענען זיך מיט היימלאזיגקייט, בשעת'ן אפהיטן די שולע'ס היסטארישע כאראקטער און אריינבלאזנדיג פרישע לעבן אין די סיטי'ס איסטערן עוועניו קארידאר. אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, האט ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג (New York State Homes and Community Renewal) געשאפן אדער באשיצט מער פון 800 עפארדעבל היימען אין סקענעקטעדי קאונטי, אריינגערעכנט מער ווי 600 אין די סיטי פון סקענעקטעדי. עלמער גארדענס טוט פארזעצן מיט די באמיאונג און געבט צו צו גאווארנער Hochul's (האקול) 25 ביליאן דאלאר פינעף-יאר האוזינג פלאן, וואס איז אויפ'ן וועג צו שאפן אדער אפהיטן 100,000 עפארדעבל היימען לענגאויס דעם סטעיט.

"פראיעקטן ווי עלמער גארדענס ווייזן ווי מיר קענען באעהרן אונזער היסטאריע און אינעם זעלבן צייט עפענען טויערן צו עפארדעבל, הויכע-קוואליטעט האוזינג אין אונזערע קאמיוניטיס," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך פארוואנדלען א היסטארישע קאמיוניטי אסעט צו מאדערנע, ענערגיע-עפישענט היימען, טוען מיר פארגרעסערן אונזער האוזינג סופליי בשעת'ן טראנספארמירן שטילע קארידארן צו בליענדע ערטער וועלכע טוען געבן פאר עלטערע מענטשן א שטיצנדע סביבה וואו זיי קענען זיך פארבינדן און לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט. עלמער גארדענס טוט רעפלעקטירן מיין אדמיניסטראציע'ס פארפליכטונג צו פארשטערקערן קאמיוניטיס דורכאויס די קאפיטאל ראיאן און דורכאויס דעם סטעיט."

עלמער גארדענס, דעוועלאפט דורך Home Leasing, LLC און Better Community Neighborhoods, Inc., טוט אפהיטן די היסטארישע שולע, וואס האט זיך פארמאכט אין 2018. די אריגינעלע געביידע איז געבויעט געווארן אין 1905 אין די ניאקלאסישע סטייל און איז אויסגעברייטערט געווארן אין 1968 מיט א מאדערנע פליגל. בוי ארבעט טוט אנהאלטן די סטרואקטור'ס כאראקטער און קומט נאך היסטארישע ריהאביליטאציע סטאנדארטן פון די נאציאנאלע פארק סערוויס ( National Park Service). דירות זענען געבויעט געווארן אינערהאלב עקזיסטירנדע קלאס צימערן, פענסטער עפענונגען אין די 1905 געביידע זענען פאראכטן געווארן, די אריגינעלע אודיטאריעם איז געלאזט געווארן אין פלאץ צו סערווירן אלס א קאמיוניטי צימער פאר טענעטס, און מען האט צוגעלייגט א נייע עלעוועיטאר.

די פראיעקט טוט פאראויסריקן אויפלעבונג באמיאונגען לענגאויס איסטערן עוועניו און געבט צו צו אנדערע סטעיט עפארדעבל האוזינג אינוועסטירונגען אין די סיטי אריינגערעכנט ווינדסאר טערעס אפארטמענטס (Windsor Terrace Apartments) און רעניסאנס סקווער אפארטמענטס (Renaissance Square Apartments), וועלכע האבן פרעזערווירט די סעינט מערי'ס שולע ( St. Mary's School). עלמער גארדענס געפונט זיך נעבן א קאפיטאל דיסטריקט טראנזיט אטאריטעט (Capital District Transit Authority) באס סטאפ וואס געבט צוטריט צו דאונטאון סקענעקטעדי און דאונטאון טראוי. עס געפונט זיך נעבן רעסטעראנטן און געשעפטן, א פארמעסי, עסנווארג געשעפט, דריי שולעס, א סיניאר צענטער און א ביבליאטעק. איינוואוינער-געצילטע אייגנשאפטן נעמען אריין קאמיוניטי צאמקום ערטער, א פיטנעס צימער, א שפיל-ארט געאייגנט פאר אלע יארגענג פאר באזוכן פון איינוואוינערס' פאמיליעס, און א לענדסקעיפד גארטן טעראסע.

אלע אפארטמענטס זענען צוגענגליך פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען ביז 60 פראצענט פון די עריע מידיען אינקאם. זעקס-און-צוואנציג דירות טוען צושטעלן אויפ'ן-ארטיגע שטיצע פאר איינוואוינער וואס ליידן פון היימלאזיגקייט. סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט דורך די סקענעקטעדי קאמיוניטי עקשען פראגראם (Schenectady Community Action Program) און נעמען אריין פערזענליך-געאייגנטע הילף צו העלפן איינוואוינער אנהאלטן סטאבילע האוזינג און לעבן זעלבסטשטענדיג.

די געביידע איז פולקאם-עלעקטריש, פארמאגנדיג סאולאר פאנעלס אויפ'ן דאך, ענערגיע-עפישענט HVAC סיסטעמען, ENERGY STAR אפלייענסעס, און גאר גוט-דינענדע פענסטערס. די דעוועלאפמענט נעמט אריין דירות וואס זענען הונדערט פראצענט צוטריטליך און קענען צוגעפאסט ווערן צו אקאמעדירן איינוואוינער מיט באגרעניצונגען מיט'ן באוועגונג, הערן אדער זעהן.

סטעיט פינאנצירונג פאר עלמער גארדענס נעמט אריין ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג'ס פעדעראלע און סטעיט נידריגע איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיט ( State Low Income Housing Tax Credit) פראגראמען וועלכע זענען ערווארטעט צו אויפטרייבן ארום 10 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און $4.7 מיליאן און סובסידי. די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) האט ערמעגליכט די באנוץ פון 6.3 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע און סטעיט היסטארישע ריהאביליטאציע שטייער קרעדיטס (Historic Rehabilitation Tax Credits). די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אטאריטעט (Energy Research and Development Authority) האט צוגעשטעלט 204,000 דאלאר דורך איר נייע קאנסטרוקציע האוזינג פראגראם (New Construction Housing Program). די סיטי פון סקענעקטעדי האט צוגעשטעלט 236,000 דאלאר אין HOME געלטער. סקענעקטעדי קאונטי האט צוגעשטעלט 200,000 דאלאר. די קאמיוניטי אפהיטונג קארפאראציע ( Community Preservation Corporation) האט צוגעשטעלט א פערמענאנטע הלוואה פון 1.3 מיליאן דאלאר. רענט און אפערירונג סובסידיס פאר די שטיצנדע יוניטיס ווערן פינאנצירט דורך אן עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative) אווארד אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט געזונטהייט אפטיילונג (Department of Health).

**ניו יארק סטעיט האוזינג קאמישענער RuthAnne Visnauskas (רוט-ען ווינאסקעס) האט געזאגט,** "אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, טוט ניו יארק פריאריטאזירן דעוועלאפמענטס וועלכע טוען צאמשטעלן סוסטעינעביליטי, שטיצנדע סערוויסעס און קאמיוניטי אויפלעבונג. עלמער גארדענס איז א ביישפיל פון וויאזוי סטראטעגישע אינוועסטירונגען טוען פרעזערווירן היסטארישע געביידעס און צושטעלן עפארדעבל, ענערגיע-עפישענט האוזינג וואס קומט נאך די געברויכן פון אונזערע קאמיוניטיס. די 23 מיליאן דאלאר פראיעקט וועט ערמעגליכן סיניארס צו הנאה האבן פון די סטאביליטעט און שטיצע וואס קומט זיך זיי אין סקענעקטעדי."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאָרישע אפהיטונג עקטינג קאמישענער Kathy Moser (קעטי מאוסער) האט געזאגט,** "שולעס און שולע געביידעס זענען וויכטיגע חלקים פון קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק. טראנספארמירן די ליידיגע ערטער צו עפארדעבל און שטיצנדע וואוינונג קאמיוניטיס פאר סיניארס איז א פאסיגע קומענדיגע קאפיטל פאר געביידעס וועלכע האבן ערצויגן פילע דורות פון שולע קינדער. מיר שעצן די געלעגנהייט צו זיין א טייל פון די ארבעט ווען פראיעקטן באנוצן זיך מיט די היסטאָרישע שטייער קרעדיט פראגראמען, און טוען אפלאדירן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט אויף פריאריטאזירן פארזיכערטע, עפארדעבל האוזינג אין קאמיוניטיס דורכאויס דעם סטעיט."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמישענער Dr. James McDonald (דאקטער דשעימס מעקדאנעלד) האט געזאגט,** "האוזינג און געזונטהייט זענען געקנופט און געבינדן. דורך צושטעלן שטיצנדע, צוטריטליכע היימען פאר סיניארס, אריינגערעכנט די וואס זענען קראנק אדער ליידן פון היימלאזיגקייט, טוען מיר פארזיכערן אז איינוואוינער קענען לעבן פארזיכערט, זעלבסטשטענדיג, און מיט די ריסאורסעס וואס זיי דארפן צו קענען בליען. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אומבויגזאמע פארפליכטונג צו בויען געזונטערער קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערער (Office for the Aging) דירעקטער Greg Olsen (גרעג אלסען) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul'ס (האקול) עפארדעביליטי אגענדע טוט ווייטער ברענגען רעזולטאטן פאר עלטערער ערוואקסענע דורכאויס ניו יארק וועלכע זאגן אז עפארדעבל און ערמעגליכנדע האוזינג זענען פון זייערע הויפט פריאריטעטן. זייענדיג אמאל א פלאץ פאר יונגע קינדער צו לערנען, טוט די פראיעקט צוריקשטעלן א היסטאָרישע שולע געביידע צו איר אריגינעלע ציל פון פארזיכערן קאמיוניטי לעבהאפט און געלעגנהייט פאר ניו יארקער — דאס מאל, פאר איינוואוינער אין א שפעטערער שטאפל פון לעבן. איר נאנטקייט צו לאקאלע סערוויסעס און פובליק טראנספארטאציע טוען אויך ערמעגליכן עלטערער איינאוואוינער צו בלייבן זעלבסטשטענדיג דורך האבן צוטריט צו אלע די וויכטיגע טיילן פון א ריכטיג-פארבינדעטע און וואוינבארע קאמיוניטי."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אטאריטעט פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דארין מ. העריס) האט געזאגט,** "די פולקאם-עלעקטרישע עפארדעבל האוזינג דעוועלאפמענט טוט ארויסהייבן וויאזוי קלוגע דעזיין, סאולאר אויפ'ן ארט, און הויכע-עפישענסי איינרישונגען קענען ארבעטן צוזאמען צו שפארן ענעריגע און צושטעלן געזונטערער וואוינונגס ערטער פאר איינוואוינער. פראיעקטן ווי עלמער גארדענס זענען קריטיש וויכטיג צו פארזיכערן אז די ריינע ענערגיע אריבערגאנג ברענגט עכטע בענעפטן פאר ניו יארקער און קאמיוניטיס דורכאויס דעם סטעיט."

**סענאטאר Chuck Schumer (טשאק שומער) האט געזאגט,** "יעדער סיניאר אין די קאפיטאל ראיאן איז בארעכטיגט צו א פארזיכערטע און עפארדעבל פלאץ צו רופן 'היים.' איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיט וואס איך האב געארבעט שווער צו באשיצן און אויסברייטערן און אנדערע פעדעראלע פראגראמען האבן צוגעשטעלט מער ווי 13 מיליאן דאלאר צו העלפן פארוואנדלען די היסטאָרישע געוועזענע עלמער עווענױ שולע צו מער ווי 50 נייע עפארדעבל היימען פאר סיניארס אין עלמער גארדענס אין סקענעקטעדי. הויכע האוזינג קאסטן זענען א הויפט טרייב קראפט פון אינפלאציע, און דערפאר מוזן מיר בויען מער האוזינג פאר ארבעטנדע מענטשן כדי צו אראפברענגען די הויכע פרייזן. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul'ס (האקול) ארבעט צו פארמערן צוטריט צו האוזינג פאר ארבעטנדע פאמיליעס און סיניארס אין סקענעקטעדי קאונטי און דורכאויס די קאפיטאל ראיאן, און איך וועל ווייטער ארבעטן צו צושטעלן פעדעראלע ריסאורסעס צו ברענגען מער עפארדבל האוזינג איבער גאנץ ניו יארק."

**סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטען דשיליברענד) האט געזאגט,** "אונזערע סיניארס זענען בארעכטיגט צו פארזיכערטע, עפארדעבל היימען וואו זיי קענען זיך עלטערן בדרך כבוד. די פארענדיגונג פון עלמער גארדענס וועט העלפן פארזיכערן אז סיניארס אין די קאפיטאל ראיאן האבן צוטריט צו די האוזינג אפציעס וואס זיי דארפן. איך קוק ארויס צו זעהן די פאזיטיווע טויש וואס די פראיעקט וועט ברענגען צום קאמיוניטי, און איך וועל האלטן אין איין קעמפן פאר פעדעראלע פינאנצירונג צו אויסברייטערן מאדערנע, עפארדעבל האויזינג דורכאויס אונזער סטעיט."

**רעפרעזענטיטיוו Paul Tonko (פאול טאנקאו) האט געזאגט,** "איך בין איבערגליקליך צו פייערן די פארענדיגונג פון עלמער גארדענס, א וויכטיגע דערגרייכונג אין אונזער קאמף צו פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער האט צוטריט צו פארזיכערטע, עפארדעבל האוזינג וואס קומט נאך זייער געברויכן. די 51-יוניט סיניאר האוזינג דעוועלאפמענט וועט צולייגן נאך א געוואלדיגע פרישע דעוועלאפמענט צו די מער ווי 800 עפארדעבל היימען שוין פארענדיגט אין סקענעקטעדי קאונטי אונטער גאווערנאר Hochul (האקול), צושטעלנדיג פערזענליכע הילף און שטיצע סערוויסעס פאר איינוואוינער וואס דארפן עס די מערסטע. מיט'ן אויפרעכטן א היסטארישע שולע געביידע אלס א סוסטעינעבעל, פולקאם-עלקטרישע האוזינג דעוועלאפמענט, איז די פראיעקט א געלונגענע ביישפיל פון וויאזוי מיר קענען אויפלעבן אונזערע עקזיסטירנדע אינפערסטראקטור צו העלפן בויען א בעסערע צוקונפט פאר יעדער איינער. איך בין שטאלץ פון די פעדעראלע-סטעיט שותפות וואס האט ערמעגליכט דעם מאמענט, און איך ווארט ארויס צו זעהן וויאזוי סקענעקטעדי איינוואוינער וועלן בעניפיטירן דערפון פאר פילע קומענדיגע דורות."

**אסעמבלי מיטגליד Angelo Santabarbara (ענדשעלאו סאנאבארבערא) האט געזאגט,** "עלמער גארדענס איז די סארט אינוועסטירונג וואס מאכט אויס דא אין סקענעקטעדי. דורך פארוואנדלען א געוועזענע געגנט שולע צו פארזיכערטע, עפארדעבל האוזינג מיט שטיצע סערוויסעס אויפ'ן-ארט, טוט די פראיעקט פארשטערקערן די ארומיגע קאמיוניטי און אנהאלטן צו א באקאנטע לאקאלע געביידע וואס דינט א נייע צוועק. עס העלפט פארזיכערן אז מענטשן אין אונזער געגנט האבן א סטאבילע פלאץ וואו צו וואוינען און רעפלעקטירט די סארט פראקטישע, קאמיוניטי-געצילטע האוזינג פון וואס מיר דארפן האבן מער."

**סקענעקטעדי מעיאר Gary McCarthy (גערי מעקארטי) האט געזאגט,** "מיר דאנקען גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) און קאמישענער Visnauskas (ווינאסקעס) פאר זייערע אויסערגעווענדליכע שטיצע פון קאמיוניטיס ווי סקענעקטעדי וואס ווילן שאפן קוואליטעט עפארדעבל האוזינג. אן זייערע הילף וואלטן מיר נישט געקענט בויען א נייע צוקונפט פאר די געוועזענע עלמער עוועניו שולע, אפהיטנדיג די היסטארישע געביידע און פארוואנדלנדיג עס צו א נייע היים פאר אונזערע סיניארס. מיר טוען אויך באדאנקען Home Leasing פאר זייער פארפליכטונג צו טראנספארמירן די געביידע און צו אונזער לאקאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג טיעם וואס האט געהאלפן מאכן נאך א שווערע קאנסטרוקציע פראיעקט אויסקוקן גרינג."

**סקענעקטעדי קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער Gary Hughes (גערי היוס) האט געזאגט,** "פאר פילע אין אונזער קאמיוניטי, טוט די געוועזענע עלמער עוועניו שולע פארמאגן א לעבן פון זכרונות, און אפהיטן א פלאץ מיט אזא סארט היסטאריע בשעת'ן עס געבן א נייע צוועק איז עפעס וואס איז ווערד געפייערט צו ווערן. עלמער גארדענס שטעלט יעצט צו הויכע-קוואליטעט, עפארדעבל האוזינג פאר עלטערער ערוואקסענע בשעת'ן אנהאלטן די כאראקטער פון דעם געגנט, און מיר זענען דאנקבאר צו ניו יארק סטעיט און גאווערנאר Hochul (האקול) פאר זייער שותפות און אינוועסטירונג וואס האט געהאלפן ערמעגליכן דעם פראיעקט."

**סקענעקטעדי קאונטי מעטראופלעקס אטאריטעט (Metroplex Development) פארזיצער Ray Gillen (רעי גילען) האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג אין די איסטערן עוועניו געגנט געבט צו גאר אסאך

פאר היסטארישע פרעזערווירונג און געגנט אויפלעבונג. סקענעקטעדי איז געוועהן פון די ערשטע צו אננעמן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פראגראם פון מוטיגן קאנסטרוקציע פון מער האוזינג און מיר זעהן די רעזולטאטן דורכאויס דעם קאונטי."

**Home Leasing CEO Megan Houppert (מעגען הואפערט) האט געזאגט,** "עלמער גארדענס טוט אפשפיגלען Home Leasing'ס טיפע פארפליכטונג צו שאפן הויכע-קוואליטעט, עפארדעבל האוזינג וואס ערמעגליכט סיניארס צו אנהאלטן סטאביליטעט און זעלבסטשטענדיגקייט. מיר זענען שטאלץ צו נאכאמאל ארבעטן מיט Better Community Neighborhoods, Inc. (BCNI) אויף אונזער צווייטער פראיעקט צוזאמען, צאמשטעלנדיג עפארדעבל און שטיצנדע האוזינג מיט די פרעזערווירונג פון א היסטארישע קאמיוניטי לענדמארק. דורך די צוזאמענארבעט, טוען מיר צושטעלן היימען וועלכע זענען נישט בלויז עפארדעבל און ענערגיע-עפישענט, נאר אויך פארבינדן מיט סערוויסעס וואס העלפן איינוואוינער מצליח זיין."

**Better Community Neighborhoods Inc. CEO Matthew Nelson (מעטיו נעלסאן) האט געזאגט,** "עלמער גארדענס איז א מאכטפולע דערמאנונג אז באדייטפולע טויש פאסירט דורך צוזאמענארבעט. מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט Home Leasing, די Hochul (האקול) אדמיניסטראציע, די סיטי פון סקענעקטעדי, און פילע איבערגעגעבענע שותפים צו צושטעלן הויכע-קוואליטעט האוזינג פאר סיניארס בשעת'ן ארייננבלאזן נייע לעבן אין א היסטארישע קאמיוניטי אסעט. צוזאמען, טוען מיר פארשטערקערן געגנטער און שאפן היימען וואו עלטערער ערוואקסענע קענען בליען."

**קאמיוניטי פרעזערווירונג קארפעראציע (Community Preservation Corporation, CPC) וויצע פרעזידענט און מארגעדש אפיציר Miriam Zinter (מרים זינטער) האט געזאגט,** "עלמער גארדענס איז א געוואלדיגע ביישפיל פון וויאזוי אדורכגעטראכטע ווידער-אינוועסטירונגען קענען ארייננבלאזן נייע לעבן אין א היסטארישע געביידע בשעת'ן נאכקומען די עכטע האוזינג געברויכן פון א קאמיוניטי. די טראנספארמירונג פון די געוועזענע שולע צו הערליכע, עפארדעבל היימען פאר סיניארס טוט רעפלעקטירן די סארט רעזולטאטן-געטריבענע ארבעט וואס CPC איז שטאלץ צו שטיצן. מיר זענען שטארק דאנקבאר צו HCR, Home Leasing, Red Stone Equity Partners, און אלע אונזערע שותפים וועמנס איבערגעבנקייט און צוזאמענארבעט האבן געהאלפן פארווירקליכן דעם פראיעקט."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**
גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער אפאָרדעבעל און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. זייט די 2023 פינאנציעלע יאר, האט די גאווערנאר געארבעט צו פארמערן האוזינג סופליי דורך כמעט 4 ביליאן דאלאר אין געצילטע אינוועסטירונגען, א ברייטע האוזינג פלאן, און איינפירן נייע באשיצונגען פאר רענטערס און היים אייגנטומער. אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, האט HCR געעפענט נייע פראגראמען וועלכע טוען פארשנעלערן די דעוועלאפמענט פון עפארדעבל און געמישטע-איינקונפט היימען — סיי פאר די וואס דינגען און סיי פאר די וואס קויפן. דאס רעכנט אריין די פרא-האוזינג קאמיוניטי (Pro-Housing Community) פראגראם, וואס געבט פאר באשטעטיגטע לאקאליטעטן די אויסשליסליכע צוטריט צו ביז 750 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג צו נוצן וויאזוי זיי פארשטייען. ווי מען האלט יעצט, האבן מער ווי 400 קאמיוניטיס שוין באקומען פרא-האוזינג באשטעטיגונג, אריינגערעכנט די סיטי פון סקענעקטעדי.

די עקזעקיוטיוו בודשעט פאר די 2027 פינאנציעלע יאר טוט פארענדיגן די גאווערנאר'ס יעצטיגע פינעף-יעריגע, 25 ביליאן דאלאר האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער אנהאלטן 100,000 עפארדעבעל היימען איבער'ן סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר הייקלע באפעלקערונגען ווי

אויך איבערפירן נאך 50,000 היימען צו עלעקטריק. מער פון 77,000 היימען זענען שוין געבויעט אדער פרעזערווירט געווארן ביז היינט. די עקזעקיוטיוו בודשעט האט אויך אינוועסטירט 250 מיליאן דאלאר צו פארשנעלערן די אויפבוי פון עפארדעבל האוזינג צו פארשנעלערן די אויפבוי פון נאך טויזענטע עפארדעבל היימען.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן